# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Rekhe Kudli O”H/ Reche Kudli RIP

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9jn762s2

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
S. Filder, Sh. Filder/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# ברכה קודלי ע״ה

## (צו דער פּטירה פון אַן אייגנאַרטיקע דיכטערין)

שטיל, אָן טומל האָט דער גרויזאַמער טויט אַרויסגעריסן פון אונדזער לאָס אַנדזשעלעסער ליטעראַטור קרייז איינע פון די אייגנאַרטיקע דיכטערינס. ברכה קודלי האָט שטיל און איידל געלעבט און באַשיידן געשריבן אירע לידער וועגן ביימער, זאַנגען און בלומען, „ווייסע בלומען, צאַרט ווי האָפענונג" און דער גאָרטן פון דער יידישער פּאָעזיע האָט זיך צעבליט מיט קאָלירפולע בלומען.

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער דיכטערין האָב איך געמאַכט מיט יאָרן צוריק ביי מיין אַרבעט בעתן זעצן דעם מאַטעריאַל פון דעם היגן ליטעראַרישן זשורנאַל „פּאַסיפיק". צווישן דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל איז מיר אויפגעפאַללנד געוואָרן אַ ליד אונטערן קעפּל: „אין שלום פון מיט־זומער" פון ברכה קודלי. מיין ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז דאָ איז מסתמא אַריינגעפאַלן אַ טעות: אַז אַנשטאָט ש ל ו ם דאַרף זיין ש ל ו ס, ד״ר, ביים סוף פון מיט־זומער. כ׳האָב אָבער באַלד זיך געכאַפּט אַז ש ל ו ם איז טאַקע דאָס ריכטיקע וואָרט, ווייל זי שילדערט דאָרט טאַקע שלום ושלווה וואָס גיסט זיך אויס אויף די פעלדער ווען די תבואה און פּירות צייטיקן זיך, די זון וואַרעמט און די בהמות און פייגל רוען כחום היום.

דאָס ליד האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן רושם. פון דאַן אָן האָב איך נאָכגעפאָלגט אירע פּאָעטישע שאַפונגען ווי נאָר זיי זיינען געווען געדרוקט. ברכה איז אַלע מאָל געווען אַ מתמידה־לייענערין פון דער יידישער ליטעראַטור, איבערהויפּט פּאָעזיע. זי פלעגט זיך באַציען קריטיש אפילו צו אירע אייגענע שאַפונגען.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל ווען זי איז געווען איינגעלאַדן צו אַ באַקאַנטן היגן געזעלשאַפטלעכן עסקן. אין גאָרטן ביים הויז האָט זי באַוואונדערט אַ פּראַכטיקן עפּלבוים. זי האָט פאַרזוכט אַן עפּל און אַ באַגייסטערטע האָט זי באַלד דערנאָך אָנגעשריבן אַן אָדע לכבוד דעם עפּלבוים.

שפּעטער האָט זי מיך אָפּגערופן און פאָרגעלייענט אָט די לעצטע שאַפונג אירע, אָנהייבנדיק מיטן עפּל וואָס חוה האָט געגעסן פון עץ־הדעת און אויך געגעבן פון דעם פאַרבאָטענעם פרוכט צו אָדמען. אין חומש, ווייסן מיר, זאָגט זיך ניט וואָס פאַר אַ מין פּרי דאָס איז געווען. אָבער ביי די אומות העולם איז אָנגענומען אַז דאָס איז טאַקע געווען אַן עפּל. די אגדה ביי יידן זאָגט אָבער אַז דאָס איז געווען אַ גן־עדן אתרוג אָדער אַ מילגרוים. דאָס ליד האָט זי פאַרענדיקט מיט „רפּדוני בתפּוחים" פון שיר השירים, ווי שלמה המלכס געליבטע וויל זיך קוויקן מיטן עפּל — „כי חולת אהבה אני" — ווייל קראַנק פון ליבע בין איך.

דאָס ליד איז מיר זייער געפעלן געווען און איך האָב איר צוגערעדט זי זאָל דאָס באַלד צושיקן צום „חשבון". זי האָט עס אָבער ניט צוגעשיקט, נאָר אַריינגעלייגט אין שופלאָד. מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך איר געפרעגט וועגן [illegible]: — זי דאַרף דאָס פריער אויסבעסערן און נאָך דעם דאָס לאָזן דרוקן — איז געווען איר ענטפער. „איך בין מיין אייגענער שטרענגסטער קריטיקער. ווי עס איז, איז דאָס נאָך ניט גענוג גוט צום דרוקן."

און אַזוי האָט דאָס ליד קיין מאָל ניט דערזען די ליכטיקע שיין.

פון צייט צו צייט פלעגט זי מיך אָפּרופן איר העלפן דערקלערן אַ שווערן פּסוק אָדער העברעישן אויסדרוק, און זי האָט פאַריבל געהאַט אויף אַזעלכע שרייבערס וואָס רעכענען זיך ניט מיט די לייענערינס וואָס זיינען ניט אַזעלכע למדניות.

אין ברכהס לעצטן לידער־בוך „ניט אויף ברויט אַליין" („לא על הלחם לבדו") זיינען פאַראַן צוויי לידער מיט העברעישע קעפּלעך: איינס, בראשית ברא", אַן אָדע צום אות „בית", ווי די תורה הייבט זיך אָן מיטן טאָפּלטן „בית"— בראשית ברא.

און זי פאַרענדיקט מיט דעם „בית" פון ברכה — וואָס איז אויך איר אייגענער נאָמען.

דאָס צווייטע איז „שלושה שאָכלו", גענומען פון פרקי אָבות. דאָס ליד בעט זיך ממש מען זאָל עס איבערזעצן אויף העברעיש. אַזוי ווי ברכה האָט ליב געהאָט דעם העברעישן קלאַנג, וויל איך דאָ אין איר אָנדענק איבערזעצן דאָס ליד אין עברית:

## שלשה שאכלו...
(אָריגינאַל)

כאָטש מיט טרוקן ברויט
איז מיין טיש געגרייט,
נאָר לעכצן לעכצט ער,
פאַרבאָרגענערהייט,
אַז קלינגען
זאָלן אַרום די רייד
פון אַ בלאַט גמרא,
ווי זאָגט ערגעץ דער תנא:
שלושה שאָכלו...

דאַן וואָלט אפילו
אַ טרוקענער קריש
ווערן דערפרישט
און מלא פרייד
וועט זיין מיין טיש,
אַז ניט נאָר שלושה שאָכלו
נאָר באַשטאַנען וואָלט ער
אפילו נאָר בשניים,
דורך דברי תורה —
פון דעם וואָס וועט בייזיין
צו פאַרוואַנדלען
אַ פשוט גלעזל מיים
צום טעם פון יין.

## שלושה שאָכלו...
(איבערזעצונג)

אָכן בפת חרבה
שולחני ערוך—
ערוג יערוג הוא
בסתר
שפתגמי דאורייתא יפעמו
מדף הגמרא
סביבו,
כמו שאי־שם אומר התנא:
שלושה שאָכלו...

אז אַף פירור־לחם יבש
יתחיה בטריותו
וימלא שולחני שמחה
לא רק כשלושה שאָכלו —
אילו היו מסובים רק שניים
ודברי תורה מהם נשמעים,
לזה המצטרף ביניהם
כוס פשוטה של מים
יטעמו כמו יין.

* * * * *

**ש. גילדער**

---

## יחזקאל קאַרנהענדלער (סוף פון ז' 67)

בויט אויף און פירט אַרויס אַ ריי געשעענישן וועגן וועלכע ער דערציילט און צווישן זיי איז אויך זעלטן־אינטערעסאַנט די דערציילונג „דער זשורנאַליסט, אין וועמענס האַרצן און פסיכיק עס לעבן שווערע מלחמה־איבערלעבונגען וואָס וואָס ווערן אַרויסגעפירט אויף אַ מערקווירדיק פסיכאָלאָגישן אופן; ס'איז אַ דערציילונג וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורות:

„ס'טרעפט אַמאָל אַ טאָג, ווען אַלע
אויסטערלישקייטן ווערן נאַטירלעך,
אַלע פאַנטאַזיעס ווערן וואָר און אַלע
זאַכן וואָס זענען אין דער פרי אוים
אוממעגלעך — קומען דיר אין אָוונט
אַנטקעגן ווי פאַקטן וואָס גאָט אַליין
קאָן זיי שוין נישט אויסמעקן פון זיין
בוך פון געשען."

און עס הייבט זיך אָן אַ געשיכטע...

דאָס דערשיינען פון בוך „דאָס בשמים־ביקסל" איז אַ גרויס דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס באַשטעטיקט אויף אַ גלענצנדיקן אופן, אַז דער מחבר יצחק יאַנאַסאָוויטש איז טראָגט זיין גרויסער פאַרנומענקייט אַלס רעדאַקטאָר, קריטיקער און עסייאיסט, נישט אָפגעריסן געוואָרן פון זיין דיכטערישן און בעלעטריסטישן שאַפונגס־וועג, אַ זאַך וואָס עס באַשטעטיקט דאָס איצט דערשינענע בוך, וואָס געהערט אָן וועלכן ס'איז ספק, צו די סאַמע וואָגיקסטע, קינסטלערישע ווערק וואָס האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור.

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאַנד

## איר קענט האָבּן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוגאָב פון אַ בּונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך בּאַלד איינצושאַפן
אַ לעבּנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

אברהם שפּיגעל, קאונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

---

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name........................................................................................................

Address....................................................................................................

City............................................................Zip Code...............................